*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת משפטים

### משפטים (א)

אין דער פרשה שטייט "על כל דבר פשע על שור על חמור על שה". דער פסוק רעדט זיך וועגן א שומר וועלכער דארף היטן א פקדון, א שור א חמור אאז"וו. און דער שומר האט פושע געווען און ניט געהיט ווי מען דארף.

חסידות דערקלערט אז יעדער איד דארף היטן דעם פקדון וועלכער דער אויבערשטער האט עם געגעבן - די נשמה. דער פקדון דארף ער צוריקגעבן בשלימות אן א פגם ח"ו. א איד קען זיין א פושע און ניט היטן זיין נשמה. ווי קען דאס טרעפן? צוליב די פארשידענע יצר הרע'ס וועלכע האבן די מדות פון א אקס, א אייזל און א שעפס. וואס איז דער יצר הרע וואס איז אנגערופן א שעפס?

דער נביא ירמיהו רופט אן אידן מיט'ן נאמען "שה פזורה ישראל" (אידן זיינען ווי א שעפס וועלכע איז פארשפרייט און אפגעשיידט פון זיין סטאדע).

דארף מען פארשטיין:

"ישראל" איז דאך א נאמען וועלכע באדייט די מעלה פון אידן, "כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל" (אז א איד קען זיין א בעל הבית אויף מלאכים און מענטשן). איז פארוואס בשעת דער נביא זאגט "שה פזורה ישראל" דערמאנט ער "ישראל" דוקא?

דער ענטפער איז:

דער נביא וואונדערט זיך: וויבאלד אז אידן הייסן "ישראל", אז א איד קען זיין א בעל הבית אויף אנדערע, היינט ווי קומט עס אז ער האט ניט די שטארקייט צו טאן וואס איז ריכטיג, און שלעפט זיך נאך יעדן איינעם ווי א שה פזורה? ביי א אידן דארף זיין דער שלחן ערוך דער פוסק, און ניט דער שכן לעבן עם. א איד דארף טאן וואס די תורה הייסט עם, און ניט וואס געפעלט זיין שכן.

אויף אידן אפילו אין שווערסטן גלות, גלות מצרים, שטייט "שהיו מצויינים שם, שלא שינו את שמם לשונם ולבושם" (אידן האבן זיך ניט געשעמט, נאר זיינען געבליבן אויסגעטיילט און אנדערש פון אלע שכנים מיט זייערע אידישע נעמען, אידישע שפראך און אידישע קליידער).

א אידיש קינד טאר ניט זיין קיין "שה פזורה". ווען ער גייט אין גאס דארף ער זיך ניט שעמען מיט זיין אידישקייט און עם אויסבאהאלטן. נאך פון דער ווייטען דארף זיין קענטיג אז עס גייט א אידיש קינד.

(לקו"ש ח"א ע' 155)

## משפטים (ב)

אין היינטיגער סדרה זאגט ער אם כסף תלוה (אויב דו וועסט אנטלייען געלט). זאגן רז"ל אז כאטש עס שטייט "אם" (אויב), מיינט דאס ניט קיין רשות, נאר דאס איז א מצוה און חובה.

אויפ'ן פסוק "מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל" (דער אויבערשטער דערציילט זיינע געזעצן און משפטים צו אידן) זאגן רז"ל: דאס וואס דער אויבערשטער הייסט אידן טאן, טוט ער אליין אויך. וואס דאס מיינט חקיו ומשפטיו, *זיינע* חוקים און *זיינע* משפטים, וואס ער אליין איז זיי מקיים.

פון דעם איז פארשטאנדיק, אז אויך דער אויבערשטער איז מקיים "אם כסף תלוה את עמי".

דער ענין פון הלואה איז: מען גיט יענעם געלט, כאטש יענעם קומט עס ניט; יענער האט דערפאר גארניט געגעבן פאר דעם. עס איז אבער ניט קיין מתנה, נאר יענער ווערט מחוייב אפצוגעבן שפעטער.

אזוי אויך דער אויבערשטער גיט א אידן כחות. ער מאנט אבער אז מען זאל *איסנוצען* די כחות און אויספירן זיין שליחות, פון לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

די זעלבע זאך געפינען מיר אין נאך א מצוה אין דער פרשה. עס רעדט זיך וועגן א שומר וואס נעמט אויף זיך צו היטן א פקדון עס זאל ניט פארלארן ווערן.

דער צמח צדק טייטשט אויס דעם ענין אין עבודה רוחנית פון א אידן:

ביי יעדער אידן געפינט זיך דעם אויבערשטענ'ס א פקדון. דאס איז די נשמה וועלכע ער דארף היטן, אז זי זאל בלייבן בשלימות. נאך מער, מעלה זיין די נשמה נאך העכער ווי זי איז געוועגן פאר דער ירידה, ווי באוואוסט אז ירידת הנשמה בגוף איז "ירידה צורך עלי'".

(לקו"ש ח"א ע' 155. 158)

## משפטים (ג)

אין משפטים זאגט אן די תורה דעם איסור פון פלייש מיט מילך "לא תבשל גדי בחלב אמו" (מען זאל ניט קאכן א יונגן ציג אין זיין מוטער'ס מילך). רש"י זאגט אז דא ווערט געמיינט ניט נאר גדי נאר אלע בהמות. און אז דריי זאכן זיינען אסור; אכילה, הנאה און בישול.

עס זיינען פאראן פיל זאכן וועלכע מען טאר ניט עסן. אבער עס איז ניטא קיין איסור וועלכע מען טאר ניט קאכן. די איינציגע זאך וואו עס איז דא א איסור אויף קאכן איז ביי בשר בחלב. דער טעם איז ווייל דער איסור פון פלייש מיט מילך איז אזוי הארב אז מען דארף זיך היטן אפילו פון קאכן, ווייל קאכן פירט צום עסן.

פארוואס איז דער איסור אזוי הארב?

דער רמב"ן זאגט אז דאס איז ווייל עס איז אן אכזריות צו קאכן א ציג אין זיין אייגענעם מוטער'ס מילך, און בפרט א יונגן ציג.

די הארבקייט פון צער בעלי חיים איז אזוי גרויס, אז צוליב דעם האט די תורה פארבאטן ניט נאר עסן, נאר אויך קאכן, און ניט נאר זיין מוטער'ס נאר אלע מילך.

פון דעם דארף מען זיך אפלערנען אויף וויפיל מען דארף זיין געהיט בכל מיני זהירות *ניט גורם זיין ח"ו קיין צער צו א צווייטען אידן*. ווארום מה דאך ביי בעלי חיים האט די תורה מקפיד געווען אזויפיל אויף זייער צער, מכל שכן ביי מענטשן און ביי אידן בפרט (דער עם הנבחר - אתה בחרתנו מכל העמים) על אחת כמה וכמה.

(לקו"ש ח"ו ע' 150)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"